ב. בנוגע צו דעם סיום, איז דער סיום איז נוגע אויך וואס ס'רעדט זיך אין דער סיום וחותם פון מס' חגיגה.

אין* (סוף פון) דער לעצטער משנה אין חגיגה ווערט געזאגט: "כל הכלים שהיו במקדש טעונין טבילה (נאך יעדער רגל האט מען געדארפט טובל זיין די כלי המקדש ווייל זיי זיינען טמא געווארן דורך דעם וואס עמי הארץ האבן זיי אנגערירט) חוץ ממזבח הזהב ומזבח הנחושת מפני שהן כקרקע דברי ר"א, וחכ"א מפני שהן מצופין".

א ן די גמרא איז מסביר דעת ר"א: פון וואנען ווייס מען אז די מזבחות זיינען ווי קרקע (און דערפאר איז אויף זיי ניט חל קיין טומאה) - "מזבח הנחושת דכתיב מזבח אדמה תעשה לי, מזבח הזהב דכתיב המנורה והמזבחות איתקוש מזבחות זה לזה".

דערנאך שטעלט זיך די גמרא אויף "וחכ"א מפני שהן מצופין" (אנגעמדיק אז זיי זאגן דערמיט א טעם פארוואס די מזבחות ווערן ניט טמא) און פרעגט: "אדרבה, כיון דמצופין ניהנו מיטמאו" (און רש"י איז מפרש: ווארום ווען ניט דער ציפוי וואלטן זיי דאך געדארפט זיין טהור צוליב דעם וואס זיי זיינען "כלי עץ העשוי לנחת"); און די גמרא ענטפערט: אימא וחכמים מטמאין מפני שהן מצופין (אז די חכמים זיינען מחולק מיט ר"א און זיי האלטן אז אויך די מזבחות זיינען טמא געווארן טאקע צוליב זייער ציפוי, נאך א תירוץ ענטפערט די גמרא): ואב"א רבנן לר"א קאמרי מאי דעתיך משום דמצופין מיבטל בטיל צפויין גבייהו.

לערנט רש"י: די רבנן זאגן צו ר"א "מאי דעתיך", אז דאס וואס ר"א דארף אנקומען צום טעם וואס די תורה רופט זיי אן "אדמה" און נאר דערפאר זיינען זיי טהור - און ס'איז דערויף ניט גענוג דער טעם וואס זיי זיינען "כלי עץ העשוי לנחת", וויבאלד זיי זיינען "מצופין" און דאס איז זיי מבטל פונעם גדר "עץ"; זאגן דערויף די רבנן אז: "מיבטל בטיל צפויין גבייהו", אז היות די תורה רופט זיי אן "עץ" מיינט עס, אז דער ציפוי של מתכת ווערט נתבטל לגבי זיי (זיי באקומען איינגאנצן דעם גדר פון "עץ") און במילא זיינען זיי ניט מקבל טומאה.

דער רמב"ם אבער לערנט, אז דאס וואס די רבנן זאגן "מפני שהן מצופין" איז עס (ניט געמיינט ווי א טעם לטמא לויט דעת ר"א, נאר) א טעם לטהר לויט זייער שיטה - ס'איז ווי דער ספרא זאגט אויפן פסוק "כל כלי אשר יעשה מלאכה בהם": "יכול שאני מרבה את חפויי כלים ת"ל בהם פרט לחפויי כלים", אז אויב דער שימוש איז ניט אינעם גוף הכלי, נאר דורכן חיפוי, (ציפוי) הכלי, איז די כלי ניט מקבל טומאה.

און ווי מ'איז מבאר שיטת הרמב"ם, לערנט ער דעם פשט פון "מיבטל בטיל צפויין גבייהו", אז לויט די רבנן איז ציפוי ניט קיין סיבה צו מטמא זיין די כלי (ווי דאס זאגט ר"א), נאר פארקערט, דער ציפוי (פון מתכת) איז טעם צום מטהר זיין - זייענדיק בלויז א ציפוי צו דער כלי איז ער ממילא בטל צו דער כלי און קען דעריבער ניט אויפטאן אין איר דעם דין פון קבלת טומאה: און די כלי ווידער, מצד זיך אליין (בשעת זי האט א בית קבול) קען אויך ניט טמא ווערן וויבאלד אז דער שימוש אין איר איז דורך אמצעות הציפוי, און א כלי מצופה ומחופה איז נתמעט פון דין טומאה. [ניט ווי רש"י לערנט אז ס'איז נאר אויב דער ציפוי איז פון שיש (ווי רש"י זאגט אין חגיגה) - נאר פון וואס דער ציפוי זאל ניט זיין, ווארום אין ספרא שטייט סתם].

דערפון קומט אויס אז רש"י און דער רמב"ם זיינען מחולק אינעם גדר פון דין ציפוי לויט די רבנן, לויט שיטת רש"י קומט אויס, אז א ציפוי פון מתכת ביי כלי עץ איז א סיבה צו מטמא זיין די כלי אויך לפי דעת רבנן (נאר ביי די מזבחות האלטן די רבנן אז זיי זיינען טהור דערפאר וואס די תורה רופט זיי אן "עץ"); און לפי דעת הרמב"ם איז ציפוי כלים בכלל א טעם צו פארמיידן דין טומאה פונעם כלי המצופה כנ"ל.

---

* קטעים מסיום זה נדפסו, בלקו"ש חט"ז, תרומה (ד) ע' 309, ואילך. ויקהל (ב) ע' 434 ואילך. בהבא לקמן נעתקו כו"כ קטעים מהלקו"ש הנ"ל. המו"ל .



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 439 הודפס ע"י אוצר החכמה

דארף מען פארשטיין: וואס איז דער טעם וסברא וואס דער רמב"ם לערנט אנדערש (די מחלוקת צווישן ר"א מיט די חכמים) ווי רש"י; ובפרט אז דער לשון הגמרא (ואב"א רבנן לר"א קאמרי כו') איז גלאטיקער לפי שיטת רש"י, ווי מפרשים זיינען עס מסביר. (ווי דער ראי"ש זאגט אז דער רמב"ם: "עיין במשנה ולא עיין בגמרא". און מ'קען ניט זאגן אז דער רמב"ם רעכנט אז דאס איז א פלוגתא פון ספרא מיט'ן בבלי ווארום ער שרייבט בפירוש אין פירוש המשניות אז דאס איז דער פשט אין חגיגה, וכפי שיתבאר לקמן.

ג. דערנאך זאגט די גמרא: א"ר אבהו אר"א ת"ח אין אור של גיהנם שולטת בהן ק"ו מסלמנדרא ומה סלמנדרא שתולדת אש היא (א מין שרץ וואס ווערט דורך דערויף וואס מ'ברענט אים זמן רב, רש"י) הסך מדמה אין אור שולטת בו ת"ח שכל גופן אש דכתיב הלא כה דברי כאש נאום ה' על אחת כמה וכמה, אמר ר"ל אין אור של גיהנם שולטת בפושעי ישראל ק"ו ממזבח הזהב מה מזבח הזהב שאין עליו אלא כעובי דינר זהב כמה שנים אין האור שולטת בו פושעי ישראל שמלאין מצות כרימון דכתיב כפלח הרימון רקתך אל תקרי רקתך אלא ריקנין שבך על אחת כמה וכמה.

בפשטות לערנט מען אז די שייכות פון די צוויי מימרות איז: בהמשך צו דער סוגיא פריער וואס רעדט וועגן דעם ציפוי פון די מזבחות - מזבח הזהב והנחושת, ווערט אראפגעבראכט די מימרא פון ר"ל אז "אין אור של גיהנם שולטת בפושעי ישראל ק"ו ממזבח הזהב", וואס די הדגשה איז אין דעם וואס דער מזבח איז געווען מצופה זהב, און מעניין זה ווערט געבראכט פריער די מימרא פון ר"א וואס רעדט וועגן דעם אז "אין אור של גיהנם שולטת" אין "ת"ח".

לפי"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק:

א) אויב אזוי האט דאך פריער געדארפט קומען די מימרא פון ר"ל "ק"ו ממזבח הזהב" - און ערשט דערנאך די מימרא פון ר"א בנוגע ת"ח, וואס לויט איר תוכן האט זי ניט קיין שייכות לעניננו.

ב) עיקר הסוגיא וועגן פושעי ישראל אין שייכות צו שליטת גיהנם (און וועגן גיהנם בכלל) איז אין מס' עירובין, וואס דארט ווערט (אויך) געבראכט די מימרא פון ר"ל אז פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהן כו', און וויבאלד אזוי האט דאך די גמרא געדארפט דארטן ברייגנען אויך די מימרא פון ר"א "ת"ח אין אור של גיהנם שולטת בהן כו'", ווארום (א) דארטן איז די עיקר הסוגיא בענין זה,דאקעגן אין חגיגה איז עס נאר בדרך אגב; (ב) מס' עירובין איז פאר מס' חגיגה.

ד. אין די מאמרים גופא זעט מען א מאדנע זאך:

בשעת מ'זאגט פריער דער ענין פון תלמידי חכמים און דערנאך זאגט מען דעם ענין פון פושעי ישראל, איז דער לשון אליין באווייזט אז תלמידי חכמים איז א העכערע סוג ווי פושעי ישראל. איז פארוואס דעם ק"ו וואס מ'לערנט אפ בנוגע צו תלמידי חכמים, איז פון סלמנדרא, וואס ווי תוס' זאגט איז דאס איינע פון די שמונה שרצים טמאים, און אפילו לויט פירוש רש"י - איז עכ"פ איז דאס א שרץ (אויב מ'זאל זאגן אז רש"י האלט ניט מיט תוס' בזה), און אויף פושעי ישראל לערנט מען אפ דעם ק"ו פון מזבח הזהב?!

בדוחק גדול וואלט מען געקענט זאגן: אויף פושעי ישראל קען מען ניט אפלערנען פון סלמנדרא, וויבאלד אז אויף זיי קען מען ניט זאגן אז "גופן אש", דאס קען מען זאגן מערניט "הלא כה דברי כאש" אויף דער וואס איז ממולא מיט תורה, אבער דער ק"ו פון מזבח הזהב אז מלאין מצוות כרימון, קען מען דאך זיכער אפלערנען אויף תלמידי חכמים!

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס 440 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז וואס דארף מען האבן די אפלערנונג פון סלמנדרא, פון א שרץ טמא - ס'איז דאך געשמאקער אפלערנען פון מזבח הזהב, און ס'איז דער זעלבער לימוד מיט'ן זעלבן לשון!

ס'איז אויך דא כמה גירסאות אין דער סוגיא איז אבער די גירסא פון גמרא (משא"כ די גירסא אין עין יעקב) מיט א שינוי, בנוגע תלמידי חכמים און פושעי ישראל:

ביי תלמידי חכמים שטייט דער לשון (וואס ר' אבהו האט געזאגט) "תלמידי חכמים אין אור של גיהנם שולטת בהם", וואלט געדארפט די זעלבע זאך שטייען ביי ריש לקיש'ן אז "פושעי ישראל "אין אור של גיהנם שולט בהם" און אזוי שטייט טאקע אין עירובין.

אבער אין חגיגה איז דער לשון אז פריער שטייט "תלמידי חכמים אין אור של גיהנם שולט בהם" דערנאך ביי דעם צווייטן מאמר שטייט אז "אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל".

וואס דאס איז דאך אויך א חלק אין תורה איז דאך זיכער אז דאס איז בדיוק, און אין דער זעלבער סוגיא, און מ'איז משנה א מאמר נאך א צווייטן מאמר, איז דא שטייט מיט דער סדר אז "ת"ח אין אור של גיהנם שולט בהם" און דא איז מען מהפך "אין אור של גיהנם שולטת בפושעי ישראל"!

וואס דאס איז ניט נאר א סדר, איבערגעשטעלט ווערטער, נאר דאס איז א חילוק עיקרי:

בשעת מ'זאגט "ת"ח אין אור של גיהנם שולט בהם" איז וועגן וועמען רעדט מען דא - דאס רעדט מען וועגן תלמידי חכמים, בשעת מ'זאגט "אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל" רעדט מען ניט וועגן פושעי ישראל, נאר מ'רעדט וועגן די הנהגה און דער תוקף פון אור של גיהנם.

ד.ה. דאס איז ניט נאר איבערגעשטעלט א סדר, נאר דאס איז באזונדערע מאמרים

איין ענין רעדט זיך אין מסכתא פון תלמידי חכמים, דער צווייטער ענין רעדט זיך אין דער מסכתא פון גיהנם.

וואס עפ"ז דארף מען פארשטיין:

א) וויבאלד אז דאס קומט בהמשך אחד, און דאס רעדט זיך וועגן הנהגה מיט אידן בנוגע צו דעם עונש, איז פארוואס שטעלט מען דא איבער - דא רעדט מען וועגן אידן און דא רעדט מען וועגן גיהנם.

ב) און גיהנם - מאן דכר שמי'! וואס האט דאס פאר א שייכות צו די גאנצע סוגיא, וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין חגיגה, דאס האט מער א שייכות צו דער סוגיא ווי ס'רעדט זיך אין עירובין, און דוקא אין עירובין שטייט דער לשון ווי דא ביי תלמידי חכמים "פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולט בהם"?!

יז. לויט דעם צד השוה אויף וועלכע ס'איז מיוסד די מחלוקת פון ב"ש וב"ה האמורה, וואס עפ"ז איז אויך די הסברה פון די מחלוקת פון ר"א מיט חכמים, וכפירוש הרמב"ם, אז חכמים זאגן אז ס'איז טהור, דערפאר וואס ציפויים איז בטל אל פנים הכלי, און די כלי ווערט ניט טמא ווי דער רמב"ם ברייננגט פון ספרא און זאגט אז דאס איז דער פשט אין חגיגה, ווען די כלי איז די טומאה "בהם" אבער דא איז דער כלי אין דער ציפוי.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 451 הודפס ע"י אוצר החכמה

און דער צִיפּוּי איז בטל אל הכלי, איז קיין נפק"מ ניט, פון וואס דער ציפוי זאל ניט זיין, אפי' דער ציפוי איז פון זהב, און דער כלי איז פון עץ אדער פון אבן אדער א דבר פשוט ביותר, איז דער ציפוי בטל אל הכלי.

און דער כלי קען ניט ווערן טמא וויבאלד אז דאס איז ניט "בהם", נאר דאס איז בתוך החיפוי און בתוך הציפוי.

און דא קומט ארויס די מסקנא לויט די הלכה ווי ב"ה (ווי גערעדט פריער) בנוגע צו אידן:

וואס אין דערויף איז דא די צוויי סוגים: תלמידי חכמים און פושעי ישראל, וואס דאס איז דער המשך אין הגיון און מסקנא פון די פריערדיקע פלוגתא פון ר"א וחכמים בנוגע צו מזבח הנחושת און מזבח הזהב במשכן ומקדש, וואס עפי"ז קומט ארויס בנוגע צו "ושכנתי בתוכם" - בנוגע צו א אידן (בתוך כל אחד ואחד).

וואס אט דא איז אויך ידוע וואס מפרשים שטעלן זיך: אז מה-דאך אז מ'זאגט אויף פושעי ישראל אז אין אור של גיהנם שולטת בהם (אדער ווי דער גירסא אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל), איז מאי קמ"ל אז ביי א ת"ח איז אין אור של גיהנם שולט, מה-דאך אז ביי פושעי ישראל איז דאס אזוי איז עאכו"כ אז ביי ת"ח?

תוס' אין עירובין איז מחלק אז "פושעי ישראל פניהם משחירים, ואילו תלמידי חכמים כלל וכלל לאי" אז ביי ת"ח אין פניהן משחירין אז ס'איז גאר ניטא קיין רושם אז מ'איז געווען אין גיהנם, אפילו אויך ניט געווארן [דער ענין פון] "אל תראוני שאני שחרחורת", משא"כ ביי פושעי ישראל איז יע ניכר - ס'איז דא "פניהם משחירים".

אבער רש"י, ברענגט ניט אראפ דעם חילוק, וואס רש"י לערנט דאך אין פשטות הגמרא, איז אין פשטות ווערט גלייך די שאלה: וויבאלד אז מ'ווייסט דעם מאמר פון ר"ש בן לקיש אז "אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל" איז מאי קמ"ל ר' אבהו אז ביי ת"ח איז אין אור של גיהנם שולט בהם?

און אויב דאס איז דער חילוק ווי תוס' זאגט אין עירובין - האט רש"י אדער תוס' אין חגיגה גע'דארפט מפרש זיין על אתר?!

- און תוס' אין עירובין פרעגט די קושיא פון חגיגה און מאכט דעם חילוק, און פרעגט אויך "מאי קמ"ל"?

יח. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים -

בכלל איז דא א גרעסערע קושיא: וואס טוט א תלמיד חכם אין גיהנם?!

מ'זאגט אז תלמידי חכמים איז אין אור של גיהנם שולט בהם - אויב ער איז א תלמיד חכם, וואס טוט ער אין גיהנם...?! דארף ער זיצן אין בית המדרש, אין ישיבה און לערנען!

- געפינט ער זיך אין גיהנם - איז דאך א סימן אז ער איז ניט קיין תלמיד חכם?! און דא זאגט מען אז א תלמיד חכם איז ער, און אין גיהנם געפינט ער זיך, נאר - וואס, ס'איז "אין אור של גיהנם שולט בו", אבער אויב ער איז דארט ניטא האט ער קיין שייכות ניט מיט'ן אור של גיהנם בכלל!

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציות מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 452 הודפס ע"י אוצר החכמה

יט. נאר, דיביידע קושיות ווערן פארענטפערט בהסברה אחת:

אידן ווערן דאך געטיילט בכלל אויף "יששכר" און "זבולון": ס'איז דא אזוינע וואס עניינם איז תורה, וואס זיי ווערן אנגערופן בשם "ישכר", און ס'איז דא אזוינע וואס עניינם איז "זבולון", זיי טועך אין עניני העולם, אין וואס פאר א עניינים אין וועלט ס'זאל ניט זיין נאר ע"פ תורה, ביז זיי ווערן תמכין דאורייתא, אבער עכ"פ עניינם איז ניט ד' אמות של תורה נאר זיי מאכן א דירה לו ית' בתחתונים ע"י עבודתם בעולם.

ובכללות - (כמבואר אין ספרים און רש"י ברייננגט דאס בפירושו על התורה וכו'), די אידן וואס זיי זיינען "יושבי אהל" זיינען בדוגמא צו ישכר, און די אידן וואס זיינען "בעלי עסקים" - עוסק אין וועלט, זיי זיינען בדוגמא צו זבולון וואס די כללות פון אידן ווערן צוטיילט אין דערויף.

היינו אז תלמידי חכמים עניינם איז תורה (און ווי די גמרא זאגט "הלא כה דברי כאש"), און בעלי עסקים עניינם איז מצוות און ווי ס'שטייט אין גמרא "(פושעי ישראל) מלאים מצוות כרימון".

וואס אויף די ביידע סוגי אידן("ישכר" און "זבולון") שטייט דאך "נתתי לפניך את החיים ואת הטוב" און דעם היפך, "ובחרת בחיים", קען דאס זיין די מציאות ביי ישכר און די צעלבע מציאות ביי זבולון,

כ. וואס עפי"ז וועט מען פארשטיין פארוואס דארף מען האבן די צוויי מאמרות (פון ר"א ור"ש)

דער ערשטער מאמר ("ת"ח אין אור של גיהנם שולטת בהן") רעדט וועגן די אידן וואס זיי זיינען שייך צו "ישכר", תלמידי חכמים, וואס לערנען תורה (אין חכם אלא תורה).

און אט דעמאלט קען זיין "ובחרת בחיים", און ס'קען זיין פארקערט, ווי דער רמב"ם זאגט אז הרשות ניתנה לכל אדם ער זאל זיך אויסקלייבן די וועג, נאר דער אויבערשטער בעט עם און גיט עם כח ס'זאל זיין "ובחרת בחיים", איז אבער אויב חטא ופגם ועבר את הדרך - דעמאלט איז דא אור של גיהנם, און אט דאס איז דער תלמיד חכם וואס געפינט זיך אין גיהנם.

און דער צווייטער מאמר ("אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל") רעדט וועגן דעם סוג אידן וואס זיי זיינען בשם זבולון, וואס בא זיי קען אויך זיין די ביידע וועגן.

און פון איין מאמר קען מען ניט וויסן אויף א צווייטן, ווארום יעדער סוג האט זיך א טעם פארוואס דער עונש זאל ביי עם זיין לייכטער, אדער פארוואס דער עונש זאל ביי עם זיין שווערער.

בנוגע צו א ת"ח קען זיין, פארקערט: אז וויבאלד אז ער איז א ת"ח, און עניינו איז ד"א של תורה, און האט ווייניקער צוטאן מיט עניני העולם, איז דאך ביי עם א גרעסערער עונש, ווארום זיין חטא איז א גרעסערער, ווי די גמרא זאגט אז שגגת ת"ח, איז דאס ווי א זדון ביי ע"ה, און א זדון פון א ע"ה איז דאס ווי א שגגה ביי א ת"ח.

און אדרבה, דווקא מצד דערויף וואס ער איז פון דער סוג פון יששכר, דערפאר איז ביי עם די סברא, אע"פ אז פושעי ישראל וואס עניינם איז מצות ווי די גמרא איז דא מסיים "מלאים מצוות כרימון".

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 453 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז אפילו אז מ'ווייס אז פושעי ישראל איז אין אור של גיהנם שולט עליהם און מלאים מצוות כרמון, וואלט נאך געקענט זיין א קס"ד אז ביי ישכר (ת"ח) זאל יע שולט זיין דערפאר וואס "שגגת ת"ח עולה זדון"!

עאכו"כ אז ס'וואלט געשטאנען מערניט ווי ביי ת"ח, וואלט מען ניט געקענט וויסן בנוגע צו פושעי ישראל, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט מצות ("מלאים מצוות כרימון").

כא. אט דא ווערט אבער די שאלה:

וויבאלד אז "ישראל אע"פ שחטא ישראל הוא", און פונדעסטוועגן רופט זיי אן די גמרא (אין זייער מעמד ומצב) "פושעי ישראל", איז פארוואס זאגט דא די גמרא "תלמידי חכמים"?

אויב מ'וויל זיי ניט אנרופען מיט א שם וואס איז איננו שם של שבח - האט מען פושעי ישראל אויך אזוי ניט געדארפט אנרופן, וואלט מען געדארפט עפעס זוכן א עצה מרמז זיין אז דאס מיינט מען ע"ד ווי מ'איז מרמז ביי תלמידי חכמים?!

נאר וואס דען אזוי ווי ס'איז דא א פס"ד אין מנחות, אז "תלמיד חכם שסרח אין מבזין אותו בפרהסיא", וואס דער דין איז מערניט ווי ביי א תלמיד חכם שסרח (וואס דערפאר געפינט ער זיך אין גיהנם), איז אעפ"כ אין מבזין אותו בפרהסיא.

-מ'טאר עם ניט אנרופן "פושעי ישראל" ווייל ס'איז ניטא קיין גרעסערע בזיון בפרהסיא אויב די גמרא וואלט דאס געזאגט אין חגיגה.

דערפאר איז ניטא קיין ברירה ניט, מ'קען עם אנדערש ניט אנרופן סיידן תלמיד חכם ווארום דאס רעדט זיך בפרהסיא.

נאר וואס, וויבאלד אז מ'זאגט עם אז ער געפינט זיך אין גיהנם איז המבין יבין אז ער האט אפגעטאן עפעס א ענין.

משא"כ ביי איינער וואס איז ניט א תלמיד חכם (שסרח) איז פארקערט: ביי אים איז לויט ווי דער אלטער רבי ברייננגט אראפ (און אויך בכ"מ אין ש"ס) אז דער בזיון זיינער איז א חלק פון זיין כפרה.

ע"ד ווי מ'זאגט אז חזקיהו גירר עצמות אביו און רוח חכמים איז געווען נוחה מזה!

[(כאן חייך כ"ק אד"ש ואמר:) משא"כ ביי א תלמיד חכם - וואלט מען געקענט מבזה זיין אן זיין תורה,

ס'איז געווען א איד אין פעטערבורג (לענינגראד) ער איז שוין אין עולם האמת וועל איך עם ניט דערמאנען מיטן נאמען - געווען א מורא'דיקער תלמיד חכם, און פלעגט זיצן כל היום מיט תפלין, דערנאך האט זיך אימיצער מיט עם פארטשעפעט און האט עם עפעס אזוי א "שנעל" געטאן,

האט ער עם געזאגט: ער זאל וויסן זיין אז ער גיט א "שנעל" אן אלמער מיט תורה]

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 454 הודפס ע"י אוצר החכמה

מ'קען ניט מבזה זיין א תלמיד חכם, ווארום "ותורתו יהגה", ס'איז נקראת על שמו, ער איז מבזה אט דאס וואס ער איז, און ווי די גמרא זאגט דא "גופן איז אש".

משא"כ ביי דער וואס איז א ענין פון מצוות, אויף דערויף שטייט ניט "הלא כה דברי כאש", און ווי די הסברה בדבר איז: בשעת ער טוט א מצוה איז ער מקיים דעם רצון הבורא, ער ווערט אבער דער וואס טראגט אויף זיך די תפלין, דאס איז ניט אז ער איז תפילין אליין -ער איז בטל צו די תפילין, טפל צו די תפילין, ער איז אבער ניט תפילין אליין, בשעת ער לערנט תורה איז אט דעמאלט (ובל' הגמרא) איז גופן אש, אורייתא הוא דקא מרתחא לי' - אט דאס וואס ער קאכט זיך און ער שרייט איז ניט ער שרייט - דאס שרייט "אורייתא הוא דקא מרתחא לי'".

בפרט נאך ווי דער אלטער רבי איז מבאר בארוכה אין תניא, אז דורך דער שכל ומושכל ווערט א יחוד נפלא וואס דאס איז ניט שייכות ביי קיין אנדער ענין אפילו ניט ביי ענין המצוות, מערניט ווי ביי תורה.

וואס דערמיט טייטשט ער אפ "ותורתך בתוך מעי" וואס דאס שטייט ניט אויף מצוות נאר אויף תורה, אז תורה ווערט בתוך מעי, בדוגמא ווי א מאכל אז דאס קומט אראפ בתוך מעיו של אדם ווערט דאס דם ובשר כבשרו - דאס ווערט א טייל פון דעם מענטשן, משא"כ מצוות דאס איז ניט א ענין פון בתוך מעי דאס איז א ענין פון לבושים, לבושו צדקה.

וואס דערפאר איז דא א מציאות אז מ'זאל מבזה זיין אט דער וואס ער איז "מלאין מצוות", און מ'איז ניט מבזה די מצוה, ס'קען אבער ניט זיין די מציאות אז מ'זאל מבזה זיין א ת"ח, און מ'זאל ניט מבזה זיין תורה, דערפאר וואס ער מיט תורה איז דאס "יחוד בפלא שאין כמוהו נמצא כלל" און ווי ער זאגט, אז דאס איז א ענין וואס דאס בלייבט אזוי ווי תורה געפינט זיך אין זיין שכל.

וואס דערפאר קען דארטן ניט שטייען קיין אנדער ווארט ווי "ת"ח", און דא פארקערט, איז ביי עצמות אביו דארף שטייען פושעי ישראל, ווארום דאס איז א טייל וואס דאס איז מכפר אז "אין אור של גיהנם שולט בהם".

ס'בלייבט אבער די שאלה (ווי גערעדט פריער):

כב. וויבאלד אז "שגגת ת"ח (איז) עולה זדון" איז מילא פושעי ישראל איז פארשטאנדיק, ביי עם ווערט דאך אבער די שאלה: וויבאלד אז גופן אש, און אעפ"כ חטא ופגם ועבר את הדרך, וואס דערפאר געפינט ער זיך אין גיהנם, איז ווי אזוי קען דאס זיין אז "אינו שולט בהם"! ער האט דאך אפגעטאן א מורא'דיקע זאך?!

וואס דערפאר זאגט די גמרא "ק"ו מסלמנדרא":

פון מזבח הזהב קען מען ניט אפלערנען, פון וואו קען מען אפלערנען אט דעם ק"ו - פון "סלמנדרא".

וואס קען ער אפלערנען פון מזבח הזהב - דארט איז דער זהב א באזונדערע זאך און דער עץ איז א באזונדער זאך, נאר וואס דען איינע איז בטל צו די צווייטע, און עד"ז "מלאים מצוות כרימון", איז ווי מען זעט א רימון - א רימון האט אין זיך די שאלעכץ, און האט אין זיך מחיצות בפנים, און צווישן איין מחיצה מיט דער צווייטע ליגן כמה גרעינים, אבער אז מ'וועט א קוק טאן אינעווייניק אין דער רמון, וועט מען זען אז דאס איז באזונדערע זאך, דאס איז ווי א זאך ליגט אין א צווייטע זאך בתוך כלי, די גרעינים ליגן אין דעם רמון און ס'איז ניט גופם עצמם אש.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 455 הודפס ע"י אוצר החכמה

דערפאר זאגט די גמרא אז דאס וואס ביי תלמידי חכמים איז אין אור של גיהנם שולט בהם, לערנט מען דאס - ק"ו מסלמנדרא:

וואס איז דער ענין פון "סלמנדרא"? זאגט די גמרא אז ענינו איז אז ס'איז תולדת האש, וואס איז דער ענין פון אש - זאגט די גמרא אין סנהדרין אז "אלקיכם טביל" - ענטפערט די גמרא אז "טביל בנורא", פרעגט מען דערנאך ס'שטייט "וטבל במים וטהר" - זאגט די גמרא אז עיקר טבילותא-בנורא, דער ענין פון אש איז, אז ס'איז ניט נאר מטהר אזוי ווי מים, נאר אדרבה - דאס איז מטהר מערער ווי מים, עיקר טבילה איז גאר בנורא הוא!

וואס דערפאר איז "כל אשר יבוא באש תעבירו באש" - מים העלפט ניט אויף דערויף, משא"כ ליבון העלפט אפילו אט די וואס ס'איז מערניט ווי צונן צונן. אפילו אט די וואס מ'קען יוצא זיין מיט מים אויך.

וואס אט דאס זאגט די גמרא: גיט א קוק וואס ס'טוט זיך מיט א סלמנדרא, דאס איז א תולדת האש, וואס איז דער ענין פון אש? דאס לאזט ניט צו קיין טומאה! מה-דאך אז דאס איז מבטל טומאה, מכ"ש וק"ו פון מים, אז א דבר טמא קומט פון מים אויב ס'איז דארט דא די כמות וכו' ווערט זי וטהר, זאגט די גמרא אז עיקר טבילותא בנורא אז דאס איז נאכמערער ווי מים, און דאס קומט ארויס פון דעם נורא (פון דעם אש), וואס איז געווארן פון דער סלמנדרא - ס'איז געווארן א שרץ טמא!

במילא איז דאך קיין פלא ניט, אז דאס איז א בריאה בידי שמים קען ווערן א תולדה פון אש א שרץ טמא (אדער עכ"פ לפי פירוש רש"י א שרץ), עאכו"כ אז ס'קען זיין ביי א נשמה וואס די איז אראפגעקומען אין א גוף בשר ודם, א סלמנדרא האט ניט קיין בחירה, אבער דא האט מען עם געגעבן א בחירה און מ'האט עם געזאגט "נתתי לפניך", זאלסט וויסן זיין אז ס'איז דא רע בעולם, וואס דארף דאס עם דער פסוק דערציילן? ווארום אויב ניט איז ניט שייך קיין בחירה, וועט איז שייך בחירה ווען ער ווייס וועגן בײדע זאכן: אז ער איז א צדיק גמור כל ימיו דערפאר וואס ער האט ניט געוואוסט אז ס'איז דא רע - ניט דאס איז דער ענין פון בחירה.

[וואס דאס איז די גאנצע שקו"ט ווי אזוי איז געווען די עבודה פון אדה"ר אין ג"ע, וואס אין ג"ע איז ניטא קיין מציאות רע].

וואס דערפאר איז דער ק"ו פון מזבח הזהב איז קיין ראי' ניט פאר ת"ח, משא"כ דער ק"ו פון סלמנדרא - געפינט מען דער זעלבער ענין: אז דאס נעמט זיך "כה דברי כאש" און טאקע אורייתא הוא דקא מרתחא לי' - גופו איז אש, און פונדעסטוועגן קען דערנאך זיין א מציאות אז ס'זאל דערפון ארויס א סלמנדרא.

פונדעסטוועגן זעט מען אז ס'קומט טאקע אז די זאל זיך אפבריען אויף אן אמת מיט אש, איז אט דעמאלט איז אפילו הנושך מדמה איז אין אש שולט בו, כ"ש וק"ו ביי א ת"ח וואס ער האט די בחירה און ביי עם נעמט מען אראפ די ענינים בלתי רצויים, איז עאכו"כ פון דעם כ"ש וק"ו פון סלמנדרא.

ביי פושעי ישראל, איז ניט שייך די דוגמא פון סלמנדרא, דערפאר, וואס ביי זיי איז ניט "גופן אש", דאס רעדט זיך וועגן זבולון - ער האט צוטאן מיט וועלט, און ער האט צוטאן מיט חומר, (כרות?) בשר ודם,

נאר אין דערויף איז דא (ווי גערעדט פריער) די פלוגתא פון ר"א מיט די חכמים:

אז ס'קומט צוגיין ב"ה (וחכמים אומרים) אז ציפויין בטיל לגבי' וכו' - אז מ'גיט א קוק אויף א אידן ווי ער געפינט זיך אין גיהנם פון דער וועלט,



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 456 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין דעם "הו-הא", און דערנאך אין גיהנם כפשוטו, ווי די גמרא זאגט - זאגט ב"ה "אל תבט אל מראהו", דארפסט א קוק טאן וואס טוט זיך אונטערן ציפוי!

דו זעסט טאקע וואס דער ציפוי איז, און דו זעסט אז דער ציפוי האט דאס צוגערירט צו א דבר טמא, דאס איז א ציפוי פון זהב (דער ציפוי פון מזבח הזהב), א ציפוי פון נחושת, ווי דאס איז אין קדושה, אבער ס'איז געטראפן א ענין, ס'איז צוגעגאנגען א צווייטער וואס האט זיך צו עם צוגערירט, און בשעת מ'קוקט אויפן ציפוי אליין, איז דעמאלט דא דער ענין פון טומאה, אזוי זאגט ב"ש, ווארום ער זעט אז ס'איז צוגעגאנגען א איש אדער א דבר טמא און האט זיך צוגערירט צום מתכת, נאר וואס - תורה זאגט אז ס'איז א ענין (?), זאגט ב"ה ניין! מ'דארף גאר ניט אנקומען צו דעם לימוד הכתוב, וויבאלד אז דאס איז א ענין וואס איז אזוי צוגעדעקט (ציפויין), איז אט דעמאלט קען דאס זיין אין צוויי אופנים:

אז דער ציפוי, קען זיין פון מתכת, קען זיין פון עץ און קען זיין פון וואס פאר א ענין ס'זאל ניט זיין, און ס'קען זיין אין א אופן ווי דאס איז ביי תלמידי חכמים אז דער ציפוי טויג ניט, און גופן טויג יע, און ס'קען זיין פארקערט (ווי דאס איז ביי פושעי ישראל) אז דער ציפוי טויג ניט און דער גוף (מלאים מצוות) טויג יע, און אויף בײדע אופנים, וויבאלד אז מ'דארף זיך מתבונן זיין אין פרטי הדברים איז, דא קומט דער המשך לאחרי הפסק דין פון די חכמים (לויט פירוש הרמב"ם) אז "וחכמים אומרים" אז זיי זיינען טהור אפילו זיי ניט בדוגמת הקרקע זיינען זיי אויך טהור דערפאר וואס מ'דארף קוקן אויף פנימיות הכלי "ציפויין בטיל לגבי'".

איז דערפון קומט ארויס די בײדע דינים, פריער דער דין אז תלמידי חכמים - וואס דא קען מען עם ניט רופן קיין אנדער נאמען אבער ער ווייס אז ער געפינט זיך אין גיהנם, איז אעפ"כ אין אור של גיהנם שולט בהם, משא"כ ריש לקיש וואס אויף עם זאגט די גמרא אז ער האט ניט גערעדט סיידן מיט אזא מין וואס ער איז געווען נאמן וכו' וכו' מיט די גאנצע הפלאה, ר"ש לקיש רעדט ניט וועגן פושעי ישראל!

וואס דערפאר איז די גירסא ביי ריש לקיש אומר, ובפרט נאך אין חגיגה ווען מ'קוקט אין די פנימיות - רעדט דאך ריש לקיש וועגן גיהנם, און ניט וועגן פושעי ישראל.

און אויף דערויף זאגט ער דא מיט דעם סדר: אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל, דערפאר וואס זיי זיינען אויך מלאים מצוות כרימון, און דערפאר דארף מען האבן בײדע מאמרים, און דערפאר מוזן זיי שטייען דוקא מיט דעם דיוק.

און דאס איז אויך די שייכות, וואס בשעת ס'רעדט זיך אין עירובין, וואס דארטן רעדט זיך וועגן עונש פון פושעי ישראל, איז דארטן ניט נוגע ת"ח אויסטיילן באזונדער - אט דארט "פושעי ישראל" קען כולל זיין כל האופנים שבדבר,

דא אין חגיגה וואס דא איז פארקערט - דא איז עיקר מאמרים אלו, ווארום דא רעדט זיך דער ענין פון ציפוי, און דער ענין פון פנימיות פון די כלים צי דאס איז שולחן, צי דאס איז מנורה, אדער מזבח הנחושת, צי מזבח הזהב -

איז אט דא רעכנט מען אויס די ענינים בפרטיות, תלמידי חכמים באזונדער און פושעי ישראל באזונדער, און אויף בײדע בלייבט דער דין אז אין אור של גיהנם שולט בהם, און מ'זאגט גלייך אז "אע"פ שחטא ישראל הוא" און ניט נאר אז בשם ישראל יכונה אדער יקרא נאר ער איז מלא מצוות כרימון, און גופן אש (הלה כה דברי כאש).

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 451 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דורך דערויף איז מען מבטל כל הענינים, וויבאלד אז אין גיהנם איז ער שוין געווען, איז אע"פ וואס אין אור של גיהנם שולט בהם - איז ער יוצא מיט דעם עונש לכל הדיעות לויט פס"ד תורתינו תורת חיים.

און ער איז זוכה אז "וסר עוונך וחטאתך מכופר", וואס דער אש האט דאס אראפגענומען - שולט בהם טאקע ניט, אבער אין דער "רחץ ה' צואת בנות ציון", ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק אז בחסד וברחמים ובטוב הנראה והנגלה.

און דעמאלט איז ווי געגרעדט פריער קערט מען זיך אום צו התחלת המסכת אז מ'ברייננגט אן עולת ראי', מיט אן עולת חגיגה, מיט שלמי שמחה, בבית המקדש שיבנה במהרה בימינו, למטה מעשרה טפחים, ע"י משיח צדקנו.

* * *

כג. ע"פ האמור לעיל בנוגע צו ב"ש און ב"ה, און ווי אזוי דאס קומט אראפ אויך בנוגע להמסקנא בזה, בהנוגע צו תלמידי חכמים אז אין אור של גיהנם שולט בהם, און אין אור של גיהנם שולט בפושעי ישראל -

ווערט די שאלה: צוליב וואס ברייננגט מען לכתחילה דעת ב"ש?

איז ווי די משנה זאגט אין עדיות "למה מביאין דברי היחיד" - כדי אז טאמער ס'וועט קומען א צייט און ס'וועט קומען איינער צוגיין און זאגן אז ער האט מחדש געווען א סברא, און אפשר זאל מען דערפאר משנה זיין דעם דין, וועט מען עם זאגן אז כבר הי' לעולמים, ס'איז שוין געווען א יחיד וואס האט אזוי געזאגט, און אעפ"כ האט מען גע'פסק'נט דעם דין אנדערש.

וואס דאס איז איינע פון די פירושים אין דער משנה.

וואס עד"ז אויך אויב ס'וואלט ניט געשטאנען די קס"ד פון "כלה כמות שהיא", און ס'וואלט געשטאנען מערניט ווי דעת ב"ה, וואלט דאך געקענט איינער קומען צוגיין, און פרעגן א שאלה היתכן, און מיט די גאנצע שקו"ט שבגמרא,

באוורנט די גמרא די גאנצע שקו"ט, און זאגט גלייך אויף דערויף דעם תירוץ, כדי ס'זאל דערנאך ניט זיין קיין בלבולים, ווי אזוי מ'קען מרקד זיין לפני הכלה, אפילו חיגרת אפילו סומא, און מ'זאל זאגן אז דאס איז כלה נאה וחסודה, און מ'זאל זאגן אז אזוי זאגט תורת אמת!

וואס וויבאלד אז תורה זאגט אזוי - איז דאך א סימן אז דער אמת איז אזוי.

אט דאס וואס די גמרא זאגט דער טעם, אז מ'זאל זיין מעורב עם דעת הבריות - זעט ער אז אזוי איז דער אמת.

ע"ד ווי מ'זאגט "אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו": איידער ער קומט למקומו, איז אט דעמאלט קען זיך עם אויסווייזן אז דאס איז חיגרת און סומא, און ס'איז גאר ניטא אויף דערויף קיין אופן ער זאל איר משבח זיין, און ווי תוס' באווארנט דארטן, אז ניט נאר מ'מיינט אז ער קען געפינען אין איר א מעלה - אין דער חיגרת וסומא, נאר אין דערויף גופא געפינט ער די מעלה.

תוס' פרעגט דארטן היתכן אז ב"ש זאל זאגן כך וכך, נאר ער זאגט אז ב"ש זאגט אז מ'זאל זיין מרקדין לפני הכלה וועגן אנדערע מעלות, און ב"ה זאגט ניין,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 458 הודפס ע"י אוצר החכמה

שבמקום הקשר הוא כפול ומכופל]. וכמבואר בכ"מ[63] בנוגע למאמר המדרש[64] על הפסוק[65] ויקחו לי תרומה, אותי אתם לוקחים, שעי"ז שלוקחים התורה אזי אותי אתם לוקחים. ובלשון הגמרא[66] על הפסוק[67] אנכי הוי' אלקיך, שאנכי ר"ת אנא נפשי כתבית יהבית, וכמבואר בחסידות[68] שבענין דכתבית הכניס הקב"ה (אנא) הענין דנפשי, ונמצא, שע"י הכתבית נעשית הנתינה (יהבית) דנפשי. ובפרט ע"פ המבואר בתניא[69] בביאור העילוי דתורה לגבי מצות, שמצוות נקראים אברים של הקב"ה (רמ"ח פיקודין אינון רמ"ח אברין דמלכא[70]), משא"כ התורה, דאורייתא וקוב"ה כולא חד, ולא אברין דמלכא לחוד כפיקודין. וכמבואר במ"א[71], שזהו בדוגמת החילוק שבין איהו וחיוהי חד לאיהו וגרמוהי חד[72], שמזה מובן עוד יותר העילוי שבתורה לגבי מצוות, דאע"פ שגם ענין המצוה אינו באופן שאין זה חד ח"ו, מ"מ, הרי זה רק כמו איהו וגרמוהי חד, שאינו מגיע להעילוי דאיהו וחיוהי חד. דהנה, ענין עבודת המצוות הוא באופן של התלבשות בדבר הגשמי, אלא שעושים מהדבר הגשמי כלי לאלקות, ועד שמתבטל לאלקות ששורה בתוך הדבר הגשמי שבו נעשית המצוה. אמנם, השראה זו, עם היותה באופן של התאחדות (חד), הרי זה כמו ההתאחדות שבכלים, איהו וגרמוהי חד, וכמו ההתאחדות באדם התחתון, להבדיל, שהנשמה נעשית חד עם האברים. ולמעלה מזה הו"ע ההתאחדות שבתורה (אורייתא וקוב"ה כולא חד), שהיא בדוגמת השראת הנשמה במוחין שבראש, ששם הוא מדור הנשמה (כלשון הקבלה והזהר[73]), והתאחדות זו היא כמו ההתאחדות דאיהו וחיוהי חד. ועד כדי כך, שפנימיות אבא הוא פנימיות עתיק[74], והרי בחי' אבא הו"ע חכמתו של הקב"ה, ענין התורה, ועז"נ שפנימיות אבא הו"ע אחד עם פנימיות עתיק, (וואָס דאָס נעמט) בחי' עצמות ומהות או"ס.

**וכל** זה הוא לא רק בפנימיות התורה, אלא גם בנגלה דתורה[75] (כמבואר בכ"מ[76]),

אוצר החכמה

וכמובן גם מזה שיש מעלה יתירה בלימוד התורה בשייכות לפס"ד והלכה בנוגע למעשה בפועל בעולם למטה, שזהו"ע דבר הוי'[77] זו הלכה[78], הוי' דייקא, כמארז"ל[79] והוי' עמו[80] שהלכה כמותו, שזהו"ע נעלה יותר מהענין דאלו[81] ואלו דברי אלקים חיים[82], שהו"ע ספירת הבינה[83], הקשורה עם מדת הגבורה (אלקים)[84]. והיינו,

---

63) ראה תניא פמ"ז.
64) שמו"ר פל"ג, ו.
65) תרומה כה, ב.
66) שבת קה, א (כגירסת העין יעקב).
67) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו.
68) ראה לקו"ת שלח מח, סע"ד. ועוד.
69) פכ"ג. וראה לקו"ש חט"ז ע' 440 ואילך (ממאמר זה).
70) ראה תקו"ז תיקון ל (עד, סע"א).
71) המשך תער"ב שם. וראה גם קיצורים והערות לתניא ע' קד ואילך. סה"מ תרל"ג ח"ב ע' שמג ואילך. תרנ"ג ע' רכו ואילך. תרצ"ב ס"ע קכא ואילך.
72) תקו"ז בהקדמה (ג, סע"ב).
73) ראה תקו"ז תכ"א (נג, רע"א). תכ"ו (עב, ריש ע"ב). תניא פנ"א.
74) רמ"ז לזח"ג רס, ב. רעו, ב. לקו"ת נצבים מט, ד.
75) לשלימות הענין — ראה במאמר שלאח"ז ד"ה וישב יעקב פ"ה (לקמן ע' עדר ואילך).
76) ראה המשך תער"ב פקפ"ג (ע' שעד).
77) עמוס ח, יב.
78) שבת קלח, ב.
79) סנהדרין צג, ב.
80) שמואל־א טז, יח.
81) עירובין יג, ב.
82) ראה אוה"ת יתרו ע' תתצ ואילך. סה"מ תרכ"ז ע' שא ואילך. המשך תרס"ו ע' תקנה ואילך.
83) ראה זח"ב סח, ב ובהגהות הרח"ו שם.
84) ראה זח"ג י, סע"ב ואילך.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
תורת מנחם - ספר המאמרים פרשיות ומועדים - י"ט כסלו שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 27